STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00206

# FREYLEKHE TEG

## Mates Olitzky

•

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Rae F. Kallenberg*
*in memory of*
*Peral Leah & Isaac Leib Katz*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. אַליצקי

# פֿריילעכע טעג



אילוסטרירט פֿון א י ז ה

אַרויסגעגעבן פֿון

**בילדונגס־קאָמיטעט פֿון אַרבעטער־רינג**

ניו־יאָרק, 1962

# FREILECHE TEG

by

**M. Olitsky**

Illustrated by ISA

Copyright 1962
by the
EDUCATIONAL DEPARTMENT
of the
WORKMEN'S CIRCLE

New York N. Y.

Printed in U.S.A.

---

געזעצט און געדרוקט אין „פֿוטוראָ פּרעס״, 476 בראָדוויי, ניו־יאָרק

200

# I

# טעג פֿון יום־טובֿ



# אַ פּאָר ווערטער צו דעם בוך
# „פֿריילעכע טעג״

מ. אָליצקים לידער פֿאַר קינדער האָבן זיך געדרוקט אין פֿאַר־שיידענע זשורנאַלן. זיי געפֿינען זיך אויך אין אַ סך ייִדישע לערנ־ביכער. מ. אָליצקי געהערט צום ייִנגסטן דור ייִדישע דיכטערס און ער איז גוט באַקאַנט די לייענערס פֿון מאָדערנער ייִדישער פּאָעזיע. ער איז דער מחבר פֿון אַ בוך לידער „אין פֿרעמדן לאַנד״, אַרויס־געגעבן אין דײַטשלאַנד אין יאָר 1948. די קריטיק האָט באַזונדער וואַרעם אויפֿגענומען די זאַמלונג לידער.

מ. אָליצקיווידמעט זײַן טאַלאַנט אויך דעם ייִדישן קינד — די תּלמידים אין די ייִדישע שולן. אין אָליצקים לידער פֿאַר קינדער קומט צום אויסדרוק דאָס פֿילן און טראַכטן פֿון ייִדישן קינד אין דער גרויסער שטאָט: אין דער היים, אויף דער גאַס, אין פּאַרק, אין די שפּיל־פּלעצער, אין „זו״ — און דער עיקר — אין דער ייִדישער שול. אָליצקי גייט נאָך די קינדער אין אַלע פֿיר צײַטן פֿון יאָר. ער שרײַבט לידער אַפֿילו פֿון דעם קינדס חלומען אין די נעכט, נאָך אַ טאָג לערנען, שטיפֿן און שפּילן זיך.

דאָס בוך „פֿריילעכע טעג״ פֿאַרמאָגט די מעלה וואָס דאָ רעדט אַ לערער וועגן און צו די קינדער ווי אַ נאָענטער חבֿר. אָליצקי פֿאַרמאָגט אַ טיפֿע פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דעם לעבן פֿון קינד און פֿון ייִדישן קינד בפֿרט. ער גייט מיט מיטן קינד אויף אַלע שפּאַצירן און אַוואַנטורעס.

די לידער אין דעם בוך „פֿריילעכע טעג״ זײַנען געשריבן אין אַ גרינגער שפּראַך. דערבײַ געלינגט אָליצקין אַרײַנצוגעבן אין די קינדער־לידער אַ פּאָעטישן אָטעם, בילדער, נײַע ריטמען און נײַע

גראַמען. אויך דערוואַקסענע קענען לייענען די לידער און הנאה האָבן פֿון זיי, ניט ווינציקער ווי פֿון די גוטע לידער וואָס אָליצקי שרײַבט פֿאַר דערוואַקסענע.

דאָס אינטערעסאַנטסטע אין דעם בוך זײַנען די לידער וועגן ייִדישע יום-טובֿים. זיי זײַנען אַ גרויסע הילף פֿאַרן לערער. זיי פֿאַרטיפֿן פֿאַרן קינד די פֿרייד פֿון ייִדישן יום-טובֿ. אַזוי זײַנען אויך באַזונדער שיין און אייגנאַרטיק די לידער אין בוך וואָס זײַנען געבויט אויף די מעשׂיות פֿון חומש. אָליצקי באַלעבט דאָ אַ סך פֿון די אַגדות אַרום די פּאַטריאַרכאַלע חומש-געשטאַלטן. די מעשׂיות און געשטאַלטן פֿון תּנך באַווײַזט ער אויף אַ גרינגן פּאָעטישן אופֿן צו פֿאַרהייַנטיקן פֿאַר אונדזערע קינדער. זעלטן ווען אַז די שותּפֿות פֿון דעם לערער און פּאָעט זאָל אַזוי האַרמאָניש זיך צונויפֿקומען ווי מיר געפֿינען עס אין דעם בוך „פֿריילעכע טעג".

מיר רעקאָמענדירן פֿון גאַנצן האַרצן דאָס בוך „פֿריילעכע טעג" פֿאַר יונג און אַלט און גאָר באַזונדער פֿאַר די לערערס און די תּלמידים אין די ייִדישע שולן.

**זלמן יעפֿרויקין,**

בילדונגס-דירעקטאָר פֿון אַרבעטער-רינג

# דאָס נײַע יאָר

ווײַסע חלה, זיסער ווײַן.
קומט דאָס נײַע יאָר אַרײַן.
— אַ גוט יום־טובֿ, קליין און גרויס!
פֿרייד און גליק אין אײַער הויז!
זאָל די חלה, ווײַס און פֿריש,
קיין מאָל ניט אַראָפּ פֿון טיש.
זיס און לויטער, ווי דער ווײַן,
זאָל דאָס לעבן שטענדיק זײַן.
כ׳האָב דאָ אַלץ פֿאַר אײַך מיט זיך:
נײַע קליידער, נײַע שיך,
שיינע לידער, שפּילן, שפּאַס,
גרינגע אַרבעט פֿאַרן קלאַס.
איך בין פֿריילעך! איך בין רײַך!
און בלײַב דאָס גאַנצע יאָר מיט אײַך.

## לשנה טובֿה

לשנה טובֿה מיינט, אַז גוט
זאָל זײַן דאָס נײַע יאָר.
זאָלסט זײַן געזונט און אויסגערוט,
זאָלסט זײַן צופֿרידן גאָר.

אַז אַלע זאָלן לעבן פֿרײַ
אין שלום און אין פֿרייד.
סײַ ברויט זאָל זײַן גענוג און סײַ
פֿאַר יעדערן אַ קלייד.

אַז פֿרוכטן זאָלן געבן ווײַן,
די פֿעלדער פֿרישן היי.
ווען עס דאַרף זאָל רעגן זײַן,
ווען עס דאַרף — אַ שניי.

אַז ליכט זאָל זײַן אין יעדן הויז,
און גאַנץ זאָל זײַן דער דאַך,
אַז וואַקסן זאָלסטו קלוג און גרויס,
און האָבן גליק אַ סך.

## לשנה טובֿה

קינדער, האָט אַ גוטן יאָר,
אַלע, אומעטום:
ווער עס זיצט מיט אונדז אין שול,
און ווער עס לויפֿט אַרום.

ווער עס פֿירט זיך לײַטיש אויף,
ווער ניט שיין אַ מאָל.
קינדער, האָט אַ גוטן יאָר,
הײַנט און אַלע מאָל!

# יום־כּיפּור

הײַנט גיב איך יעדערן די האַנט
און זאָג: דו ביסט מײַן פֿרײַנד!
הײַנט איז דער טאָג פֿון מוחל זײַן,
עס איז יום־כּיפּור הײַנט!

האָט שלעכטס אַ חבֿר מיר געטאָן —
פֿאַרגעס איך דאָס, פֿאַרגיב.
איך בין ניט ברוגז מער אויף אים,
און האָב אים ווידער ליב.

ווײַל איך אַליין בין אויך גאַנץ אָפֿט
געווען צו אים ניט פֿײַן.
זײַ מוחל, חבֿר טײַערער,
איך וועל שוין בעסער זײַן!



## ווי אַזוי מע מאַכט אַ לשנה-טובֿה

אויף אַ שטיקל ריין פּאַפּיר
צייכן בלויע ציונס פּיר
אין די ווינקלען. צווישן זיי
מאָל אַ בלימל, אָדער צוויי.
אין דער מיט מאַך אויף דער שנעל
אַ נײַעם שופֿר, נײַ און געל.
און דערנאָך שרײַב שיין און קלאָר:
לשנה טובֿה — אַ גוט יאָר!

## אַ סוכּהלע

די טירן זײַנען רויט און נײַ,
דער דאַך איז גרין און פֿריש.
לעבן קליינעם פֿענצטערל
מיט טעלערלעך אַ טיש.

עס ליגן אויף די טעלערלעך
סײַ ווײַנטרויבן, סײַ ניס.
אויך אַ פֿלאַש מיט ווײַן איז דאָ,
וואָס איז אַוודאי זיס.

דער ווינט וועט ניט אַרײַנבלאָזן,
דער רעגן וועט ניט מאַכן נאַס.
עס איז דאָס שיינע סוכּהלע
אויף דער וואַנט אין קלאַס.



# די סוכּה

אַזאַ שיינע זאַך, די סוכּה:
האַלץ אַ ביסל, גראָז אַ ביסל.
אָן אַ שײַבל איז דאָס פֿענצטער,
און די טיר איז אָן אַ שליסל.

אַזאַ קליין און אָרעם הײַזל
און איז אַלט אַזוי פֿיל יאָרן!
ניט פֿון וואַסערן פֿאַרטרונקען,
ניט פֿון פֿלאַם פֿאַרברענט געוואָרן!

ניט קיין וואַסער, ניט קיין פֿײַער
קען דער קליינער סוכּה שאַטן.
צו דעם ייִדיש הויז געטוליעט
איז זי, ווי אַ קינד צום טאַטן.

## ווי נאָר אין דרויסן טוט אַ פֿריר

ווי נאָר אין דרויסן טוט אַ פֿריר
איז שוין חנוכּה בײַ מיר.
איך זע די ליכטעלעך, די אַכט,
איך זע ווי שיין די מאַמע מאַכט
פּעטע לאַטקעלעך אויף אייל.
און איך צייל און צייל און צייל:
וויפֿל געלט אַ יעדער גיט,
וויפֿל געלט איך האָב נאָך ניט.

## לאַטקעס

פֿון קאַרטאָפֿל און פֿון מעל,
פֿון אַן איי, צעשלאָגן געל,
פֿון אַ לעפֿל ווײַסע שמאַלץ,
פֿון אַ קליינעם ביסל זאַלץ,
פֿון דעם פֿײַערס ברען און ברי,
פֿון דער גוטער מאַמעס מי —
ווערן חנוכּה בײַנאַכט
הייסע לאַטקעלעך געמאַכט.

# ליכטלעד

פֿונעם פֿענצטער שײַנט אַרויס
אַ מנורה, גאָלד און גרויס.
ווײַסע ליכטלעך, ווײַס און גלײַך
שײַנען מיט בריליאַנטן רײַך.
און דער שניי, וואָס פֿאַלט געדיכט,
שײַנט מיט דימענטענעם ליכט.
און דאָס פּנים לויטער שײַנט —
דער יום־טובֿ חנוכּה איז הײַנט.



# דאָס דריידל

ניט קיין הויזן, ניט קיין קליידל
האָט אויף זיך דאָס דאַרע דריידל.
ניט קיין זעקל, ניט קיין שיכל,
ניט קיין היטל, ניט קיין טיכל —
גאָרניט האָט עס. גאָרניט. דאָך
ברענגט עס פֿרייד אַ גאַנצע וואָך.

# אַ ד ר י י ד ל

אַמאָל פֿון האָלץ, אַמאָל פֿון בלײַ —
פֿריילעך בין איך סײַ ווי סײַ.

מיט די אותיות, די פֿיר,
טרעף איך גלײַך דײַן מזל דיר:

שײַנט דײַן מזל קלאָר און העל —
פֿאַל איך אויפֿן גימל שנעל.

האָסטו גליק אַ ביסל בלויז —
דריי איך מיטן היי זיך אויס.

טוט אַ פֿאַל דײַן קעפּל מיד
אויפֿן קרומען נון — איז ניט.

שלעכט איז שין, נאָר טראַכט ניט פֿיל —
מיר הייבן אָן אַ נײַע שפּיל.

# נעם אין האַנט דאָס קליינע דריידל

נעם אין האַנט דאָס קליינע דריידל,
נעם עס אָן מיט פֿינגער צוויי.
אויפֿן טישל, זייער איידל,
גיב עס פֿלינק אַ שטאַרקן דריי.

עס וועט לויפֿן מיטן פּיסל
אין אַ רעדל, ברייט און ווײַט.
עס וועט לויפֿן, אַ קליין ביסל
אָנגעבויגן אויף אַ זײַט.

גיכער, גיכער, קוים צו כאַפּן
מיט דעם אויג דאָס ברעקל ווינט.
און דײַן האַרץ וועט קלאַפּן, קלאַפּן:
ווער פֿאַרשפּילט, און ווער געווינט?

טראַכט ניט ווער איז דער געווינער,
ווער וועט האָבן פּענים מיין.
זע דאָס דריידל! העכער, דינער,
אויף איין אָרט עס דרייט זיך שיין.

אויף איין אָרט בלויז, אויף איין פּינטל
שאָקלט זיך עס מיט אַ פֿרייד.
עס זעט אויס: אַ גאַנצער בינטל
דריידלעך וואָלט זיך דאָ געדרייט.

נאָך דעם נעמט עס גיך זיך וויגן,
בייגן זיך אַהין, אַהער.
ביז עס בלײַבט אַ וואַרעמס ליגן,
און קיין ציטער טוט ניט מער.

איצטער קוק: איז ג? ה איז?
שלעכטער ש? צי אפֿשר נ?
נעם דאָס דריידל ווידער, דריי עס,
און הנאה האָב דערפֿון!

# עס איז חנוכּה אַ פֿרייד

חנוכּה:

מיטן ווינטער
קום איך גלײַך.
שיינע זאַכן
ברענג איך אײַך.

די לאַטקע:

איך בין אַ לאַטקע,
פֿעט און ברוין.
אויפֿן טעלער
ליג איך שוין.

דאָס דריידל:

איך בין אַ דריידל
שיין און נײַ.
אויפֿן טישל
לויף איך פֿרײַ.

חנוכּה־געלט:

איך בין פֿון זילבער,
פֿון פּאַפּיר.
אַ זייער גוטע
זאַך פֿאַר דיר.



## דאָס ליכטל:

איך בין אַ ליכטל,
דין און קליין,
אויפֿן פֿענצטער
ברען איך שיין.

## דער שמש:

איך צינד די ליכטלעך
נאַכט נאָך נאַכט.
ביז עס ברענען
ליכטלעך אַכט.

## די מנורה:

די מנורה
בין איך. צינד
מײַנע ליכטלעך אָן
געשווינד.

## אַ ל ע:

שיינע זאַכן,
שיינע רייד.
עס איז חנוכּה
אַ פֿרייד.

## אַנטיוכוס און דאָס ייִנגל

דער קיניג האָט אַ קרוין אויף זיך,
אַ מאַנטל רײַך גענייט.
דאָס ייִנגל טראָגט צוויי אַלטע שיך
און אַ צעריסן קלייד.

דער קיניג זיצט אין שטאָלצער ראָד
פֿון גענעראַלן סאַמע.
דאָס ייִנגל לעבן זיך בלויז האָט
זײַן קליינע גוטע מאַמע.

דער קיניג שרײַט און וואַרפֿט מיט כּעס
אַראָפּ אויף דר'ערד דאָס רינגל.
דעם קאָפּ פֿאַרהויבן, קליין און בלאַס, —
אַ שטילער שטייט דאָס ייִנגל.

## חנוכּה אין קליינעם שטעטל

זייער גוט געדענק איך
אַ שטילע, שטילע נאַכט.
אויפֿן פֿענצטער ברענען
קליינע ליכטלעך אַכט.

פֿאַלט די שײַן פֿון פֿענצטער
אין אַ ברייטן קרײַז,
ביזן גרויסן ברונעם,
ביזן ראָוו מיט אײַז.

און אין קרײַז אַ פֿרישער
ליגט דער שניי פֿאַר מיר,
און דער גאַנצער דרויסן
ביז דעם שכנס טיר.

## אין דעם לאַנד פֿון חומש

אין דעם שיינעם לאַנד פֿון חומש
בליען איצטער בלום און בלאַט.
ליכטיק איז די זון, און וואַרעם,
איצט — אין קאַלטן חודש שבֿט.

## אויף דער וואַנט

אויף דער וואַנט אַ בוים, אַ טײַך,
אַ בלימל אויף דער טיר.
פֿרילינג איז געוואָרן גלײַך
אין צימערל בײַ מיר.



# אַ וואונטש די ביימער אין ארץ־ישׂראל

טיף זאָל אײַער וואָרצל גראָבן,
בלעטער זאָלט איר טראָגן פֿיל.
זיסע פּרוכטן זאָלט איר האָבן,
און אַ שאָטן, גרויס און קיל.

# דאָרט אין לאַנד

עס פֿאַלט אַ שניי,
עס בלאָזט אַ ווינט.
ווינטער איז
בײַ אונדז אַצינד.

דאָרט אין לאַנד
איז ניט אַזוי.
עס איז דער הימל
גרויס און בלוי.

עס שטייען ביימער
שטיל און ווײַס,
אין היטעלעך
פֿון שניי און אײַז.

דאָרט אין לאַנד
איז וואַרעם שוין.
דער בוים טוט אָן
אַ גרינע קרוין.

דאָ גייט אין פֿעלד
דער פֿראָסט אַרום.
דער טײַך איז טויט.
דער וואַלד איז שטום.

דאָרט אין לאַנד
דער פֿרילינג גייט.
עס זינגען פֿייגל
מיט אַ פֿרייד.

# אַ גרוס אויף פּורים

פֿון אַ לאַנד אַ ווײַטן,
ברענג איך אײַך אַ גרוס:
אויפֿן פֿערד זיצט מרדכי,
המן גייט צופֿוס.

אסתּר איז די מלכּה
פֿונעם רײַכן לאַנד.
זי טראָגט די שענסטע קליידער
פֿון טײַערסטן געוואַנט.

פֿון לײַנען דין און פּורפּל,
און פֿון קלאָרן וואָל.
(ניט געוואוסט פֿון רעיאָן
האָבן זיי אַמאָל).

אין שושן, בײַ די ייִדן,
איז אַ גרויסע פֿרייד.
פֿײַערן דעם פּורים
זײַנען אַלע גרייט.

זיי לאַכן פֿונעם רשע
ווען ער גייט פֿאַרבײַ.
און עסן זיסע קיכלעך,
וואָס האָבן שפּיצן דרײַ.

געלייענט אין מגילה
האָב איך דאָס אַלץ אַליין.
(אויב עס איז ניט אמת,
איז עס אָבער שיין).

# פֿרייד פֿון לייענען די מגילה

עס לייענט מיר דאָס גאַנצע יאָר
מײַן מאַמע אַ מגילה:
וואַש די ציין, פֿאַרקעם די האָר,
זיץ בײַם טיש אַ שטילע;

שלאָף ניט אין דער פֿרי ביז שפּעט,
שפּיל אין גאַס זיך מערער,
טומל ניט אין קלאַס, ניט רעד,
הער זיך צו צום לערער!

פּורים אָבער, ווען מען עסט,
לייען איך פֿון דער מגילה.
און די מאַמע, צווישן געסט,
זיצט און הערט אַ שטילע.

# לידער פֿון דער מגילה

## המן איז אין כּעס

המן איז אין כּעס,
זייער בייז איז המן:
שוין לאַנגע וואָכן, אַז
דערהויבן איז מײַן נאָמען.

סײַ דינער און סײַ האַר
אין טויער טיף זיך בוקן.
נאָר ער, דער שטאָלצער נאַר,
ער וויל אויף מיר ניט קוקן.

דער שטאָלצער ייִד פֿון דאָרטן,
ער וועט באַצאָלן, וועט ער. —
דער הויכער בוים אין גאָרטן
ווײַנט מיט אַלע בלעטער.

## דער קיניג קען ניט שלאָפֿן

בײַנאַכט, אַ זייגער צוועלף,
האָט די זאַך געטראָפֿן:
דער גרויסער, גרויסער, גרויסער
קיניג קאָן ניט שלאָפֿן.

ליכט איז אין זײַן קאַמער,
און די טיר איז אָפֿן,
שרעקן זיך די דינער:
דער קיניג קאָן ניט שלאָפֿן!

ווען וועט ער גרויסן?
וועמען וועט ער שטראָפֿן?
שטילער, שטילער, שטילער,
דער קיניג קאָן ניט שלאָפֿן!

## אויף דער הויפּטגאַס פֿון שושן

— „וואו געפֿאָרן איז ער, מרדכי,
אויסגעפּוצט אין קיניגס קלייד ?" —
— „אויף דער הויפּטגאַס פֿון שושן,
וואָס איז לאַנג און ברייט".

— „וואו געגאַנגען איז ער, המן,
ווי אַן אויסגעלאַכטער גייט ?"
— „אויף דער הויפּטגאַס פֿון שושן,
וואָס איז לאַנג און ברייט".

— „וואו געווען איז ביַי די ייִדן
אַ גדולה און אַ פֿרייד ?"
— „אויף דער הויפּטגאַס פֿון שושן,
וואָס איז לאַנג און ברייט".

## אַ טאָג פֿון פֿרייד

המן איז געהאַנגען,
מרדכי טראָגט אַ קרוין,
פֿון דער גזירה פּטור
זיַינען ייִדן שוין.

אויף די פֿערד פֿון קיניג,
דורכן גאַנצן לאַנד,
לויפֿן פֿלינקע לויפֿערס
מיט אַ בריוו אין האַנט.

און אין בריוו געשריבן
קלאָר און ריכטיק שטייט :
אַז דער טאָג פֿון פּורים
איז אַ טאָג פֿון פֿרייד.



# לכבוד פורים

שלח־מנות:

פֿאַר מײַן שכן, פֿאַר מײַן פֿרײַנד,
אַ מתּנה שיק איך הײַנט:
נאַשערײַען, טאָרט, אַ קיכל,
ווײַס פֿאַרצויגן מיט אַ טיכל.

די מגילה:

עס איז אַן אַלטע מעשׂה
מיט אַ נאַר, אַ מלך,
ס׳איז טרויעריק די מעשׂה —
נאָר דער סוף איז פֿריילעך.

## פֿאַרשטעלערס:

ניט קיין אויגן, ניט קיין נאָז,
קיינער ווייס ניט וואָס איז וואָס,
דער איז קיניג — קנעכט איז דער,
קיינער ווייס ניט ווער איז ווער.

## טומל, גראַגער!

טומל, גראַגער! שרײַ מיט כּעס!
שרײַ, פֿאַרשרײַ דעם שלעכטן מאַן,
וואָס געהאַט אין האַרץ האָט האַס,
און אין קאָפּ אַ בייזן פּלאַן.

## אַ המן־טאַש

פֿריש און ברוין,
מיט שפּיצן דרײַ.
נעם אין האַנט
און כאַפּ אַ קײַ.

# פּורים אין שול

אויף די טעלער המן־טאַשן,
סאָדע־וואַסער אין די פֿלאַשן,
נײַע גראַגערס אויפֿן טיש,
בילדער אָנגעמאָלן פֿריש.
קינדער איבער בענק און דיל —
באַלד וועט זײַן די פּורים־שפּיל.

שיך מיט זילבער אויף די פֿיס,
און אַ פּנים שיין און בלאַס,
ווייסט איר, קינדער, ווער דאָס איז ?
גיטל פֿונעם ערשטן קלאַס !

אַ פֿאַרקרימטע בייזע נאָז,
און אַ שווערדל, גרייט צו טייטן —
ווייסט איר, קינדער, ווער איז דאָס ?
דאָס איז בערל פֿונעם צווייטן.

מיט אַ שוואַרצער ברייטער באָרד
שלעכט צוגעקלעפּט אין מיטן —
איר וועט טרעפֿן אויפֿן אָרט —
עס איז דוד פֿונעם דריטן.

אין אַ מאַנטל, שיין און רײַך,
און דאָס פּנים אויסגעשמירט —
אַלע וועט איר טרעפֿן גלײַך :
חיים ! דער וואָס גראַדואירט !

נאָכן יום־טוב זאָגן זיידעס :
אַזאַ פּורים גאָר אַ פֿרייד איז !
זאָגן באָבעס, מאַמעס, פֿרײַנד :
אַזאַ שיינער יום־טובֿ הײַנט !
און די קינדער, פֿײַן און פֿײַן !
אַ געזונט אין זיי אַרײַן !

## פּסח ליבער

פּסח ליבער, פּסח שיינער,
קום שוין גיכער, קום אַרײַן!
ס'וואַרט אויף דיר די פֿרישע מצה,
און דער זיסער גוטער ווײַן.

ס'וואַרט אויף דיר דער ווײַסער טישטעך,
און די טעלער אין דער קיך,
און די גאָפּלען, און די לעפֿל,
און עס וואַרט אויף דיר — אויך איך.

איך וועל עסן פֿרישע מצה,
איך וועל טרינקען זיסן ווײַן —
פּסח ליבער, פּסח שיינער,
קום שוין גיכער, קום אַרײַן!

## אין דער פֿריילעכער הגדה

מרים האָט אַ מאָל געלאָזן
אויפֿן טײַך אַ קעסטל קליין.
שווימט דאָס צווישן הויכע גראָזן
אין דער פֿריילעכער הגדה.

צו אַ נײַעם פֿרײַען לאַנד
שפּאַנען דורכן ים די ייִדן,
שטייט דאָס וואַסער ווי אַ וואַנט
אין דער פֿריילעכער הגדה.

דאָס ציגעלע איז שיין און ווײַס,
דאָס קליינע ציגעלע דעם טאַטנס.
עס לעבט אָן וואַסער און אָן שפּײַז
אין דער פֿריילעכער הגדה.

# צום סדר איז דער טיש געגרייט

צום סדר איז דער טיש געגרייט,
די לאָמפּן פּול מיט שײַן.
מיט אַ פֿינקלדיקער פֿרייד
לויכט אין כּוס דער ווײַן.

די אַלטע מעשׂה נאָך אַ מאָל
דערציילן איז כּדאַי:
מיר זײַנען קנעכט געווען אַמאָל,
מיר זײַנען איצטער פֿרײַ.

מיר לעבן אין אַ פֿרײַען לאַנד
אָן שרעק און אָן פּאַרדראָס.
כאָטש דאָס אַלץ איז גוט באַקאַנט —
דערמאָנען דאַרף מען דאָס.

# אליהו

אויפֿגעעפֿנט אַלע טירן.
ליכט אין אַלע פֿענצטער.
אַלע בעכערס זײַנען ליידיק,
פֿול איז נאָר — דער שענסטער.

קומען דאַרף איצט אליהו,
נאָר עס קומט ניט קיינער.
אַלע בעכערס זײַנען ליידיק,
פֿול איז נאָר דער איינער.

מאַמע, מאַמע, וועט ער קומען?
יאָ, געוויס, מײַן פֿרייד;
ער וועט קומען, אליהו,
קומען שטילערהייט.

# אַלע פֿיר

אַלע פֿיר פֿון דער הגדה
לעבן נאָך ביז הײַנט:
דער וואָס ווייס ניט וואָס צו פֿרעגן
מיט אַלע זײַנע פֿרײַנד:

מיט דעם חכם, מיט דעם רשע,
מיט דעם נאַר דעם גרויסן,
קאָנסט זיי אַלע, אַלע טרעפֿן,
אין שול, אין הויז, אין דרויסן.

ווער ס'איז שלעכט, און ווער ס'איז נאַריש,
ווער ס'איז קלוג און שיין.
איינער פֿון די פֿיר, פֿאַרגעס נישט,
ביסטו אויך אַליין.

# דאָס ציגעלע

דאָס ציגעלע פֿון דער הגדה
איז טרויעריק, נאָר שיין.
כ'וואָלט גערן אַזאַ ציגעלע
געקויפֿט פֿאַר מיר אַליין.

דאָס ציגעלע אין יענער צײַט
געווען איז נעבעך שוואַך.
עס האָט געלעקט די וואַנט פֿון הויז,
געצופּט דאָס שטרוי פֿון דאַך.

נאָר אונדזער דאַך איז ניט פֿון שטרוי,
און הויך איז אונדזער הויז —
ליגט ציגעלע אין דער הגדה
און קומט ניט מער אַרויס.

# לידער פון „רות"

## קיין מואָב

פֿעלדער ליגן האַרט און טרוקן.
אין דער הייך אַ זון, וואָס גליט.
מיט די זעקלעך אויפֿן רוקן
גייען מענטשן בלייך און מיד.

לאַנגזאַם קריכט דער וועג. געצעלטן
שטייען הונגעריק און שטיל.
פֿון די הימלען זעלטן, זעלטן,
טוט אַ בלאָז אַ ווינטל קיל.

מיד און מידער גייט געבויגן
טאַטע, מאַמע און צוויי זין.
פּלוצעם האָט דער וועג פֿאַרבויגן
צווישן פֿעלדער פֿריש און גרין.

## נעמי רעדט צו אירע שניר

מיט די הענט אַרומגענומען
גייען דרײַ מיט שטילע טריט.
בײַ אַ הויכן פֿעלד מיט גערשטן
זאָגט די עלטערע אין מיט:

„טעכטער מײַנע, טעכטער מײַנע,
איר זענט גוט געווען צו מיר.
זאָל אײַך גאָט דערפֿאַר באַצאָלן
מיט זײַן גוטסקײַט, ליבע שניר".

„טעכטער מײַנע, קערט אײַךביידע
אום צו אײַער מוטערס הויז." —
אין נעמיס קלוגע אויגן
גלאַנצן טרערן, הייס און גרויס.

## נאָכן נעזעגענען זיך

קיל און פֿרי איז אין די הימלען.
איבער גראָזן ליגט אַ טוי.
אויף די טריט אין זאַמד, אין פֿײַכטן,
קוקט אַ יונגע בלייכע פֿרוי:

ביידע חבֿרטעס, די גוטע,
זײַנען שוין פֿאַרשוואונדן לאַנג.
טוט איר באַנג די גוטע שוועסטער,
און די שוויגער טוט איר באַנג.

נאָך זעט זי קלאָר די גרויסע אויגן
פֿון דער שיינער, שיינער רות.
נאָך איז וואַרעם איר דער שטערן
פֿון נעמיס הייסן קוש.

## די שניטערס זײַנען גוטע

רות גייט קלײַבן זאַנגען —
גיי איך מיט איר מיט:
וועלן זײַן די שניטערס
גוטע, אָדער ניט?

וועלן זיי זי לאָזן
גיין נאָך זייער טראָט?
געבן אַ טרונק וואַסער
ווען דער הימל בראָט?

יאָ, זיי זײַנען פֿרײַנדלעך,
זי טרינקט מיט זיי און רוט.
פֿרייט אין מיר דאָס האַרץ זיך
וואָס מענטשן זײַנען גוט.

# געזעצן פֿון דער תּורה

## ווענן אָרעמע

אײדער נאָך די זון פֿאַרגײט
גיב צוריק דעם פֿרײַנד זײַן קלײד.
ער דאַרף בײַטאָג אַ שטיקל טראַכט,
ער דאַרף זיך צודעקן בײַנאַכט.

אײדער נאָך די זון פֿאַרגײט
האָב אין האַנט די שכירות גרײט.
עס האָט דײַן אַרבעטער מיט מי
געהאָרעוועט פֿון אינדערפֿרי.

אַז דו באָרגסט דײַן חבר געלט
טראָג עס ניט אין זײַן געצעלט.
זאָל ער ברענגען צו דער טיר
די זאַכן וואָס ער האָט פֿאַר דיר.

## ווענן קנעכט

זאָל מער ווי זעקס געציילטע יאָר
אַ קנעכט בײַ דיר ניט זײַן.
פֿון דײַן הויז זאָל ער אַוועק
מיט פֿלייש און ברויט און ווײַן.

## ווענן מלחמה

פֿון גיין אין קריג אַנטקעגן פֿײַנד
זאָל ווערן גלײַך באַפֿרײַט:
ווער ס׳האָט געבויט אַ הויז פֿאַר זיך,
און האָט עס ניט באַנײַט —

ווער ס׳האָט אַ ווײַנגאָרטן געפֿלאַנצט
און ניט פֿאַרזוכט זײַן ווײַן.
און ווער עס שרעקט זיך אין זײַן האַרץ
צו גיין אין קריג אַרײַן.

ווען מיט אַנגעשאַרפֿטער האַק
דו קומסט אין שׂונאס שטאָט —
ניט אָנרירן זאָלסטו מיט איר
דעם בוים, וואָס פֿרוכטן האָט.

## ווענן אַ מלך

אַ מלך זאָלסטו מאַכן דעם,
וואָס איז אַ ברודער דיר.
ניט מערן זאָל ער גאָלד אַ סך,
ניט זילבער אָן אַ שיעור.

ער זאָל ניט זײַן צו גרויס בײַ זיך,
און היטן זאָל ער גוט
די שטרענגע ווערטער פֿון געזעץ
און אַלצדינג וואָס ער טוט.

## ווענן שניט

ווען עס פֿאַלט אַראָפּ אַ זאַנג —
לאָז אים אַ מתנה
פֿאַר דעם פֿרעמדן אינעם לאַנד,
דעם יתום און אַלמנה.

# שבת

שענער זיצן הײַנט די קינדער,
שענער זעט דאָס צימער אויס.
פֿון דעם אויסגעפּרעסטן טישטעך
שײַנט אַ ליכטיקײַט אַרויס.

ווײַסע בלוזעס, ווײַסע העמדער,
קלאָר און ציכטיק דאָס געזיכט.
און אין אַלע, אַלע אויגן
ברענען ווײַסע שבת־ליכט.

נאָך דער אַרבעט דאַרפֿן רוען
סײַ דער מענטש, און סײַ די קו.
עס איז שטילער ווײַסער שבת,
עס איז שטילע ווײַסע רו.

# II

# אַ גאַנצע וואָך

# צום נײַעם לערניאָר

גיכער, גיכער, לויפֿט אין קראָם,
קויפֿט אַ העפֿט, אַ בלײַער.
אָנגעהויבן האָט זיך שוין,
דער לערניאָר, דער נײַער.

נײַע מעשׂיות וועט איר הערן,
זינגען נײַע לידער.
אויפֿן טאָוול שײן און ציכטיק
וועט איר שרײַבן ווידער.

פֿריילעך וועט אײַך זײַן אין שול,
גוט וועט זײַן דער לערער.
איר זײַט עלטער מיט אַ זומער,
דאַרפֿט איר קענען מערער.

# אין קלאַס

## דער טאָוול

ער איז געמאַכט פֿון ברעטער,
שוואַרץ איז ער און בלינד.
נאָר די גרייַזן זעט ער
וואָס עס מאַכט אַ קינד.

## דער מעקער

ער איז דייַן פֿרייַנד. דו שרייַב
ניט ריכטיק עפּעס וואָס —
טוט ער אַ מעק, אַ רייַב,
און גלייַך פֿאַרריכסטו דאָס.

## מיט דעם קרייַדל

מיט דעם קרייַדל ריכטיק
שרייַבט דעם לערערס האַנט.
די ווערטער זייַנען ליכטיק,
די אותיות באַקאַנט.

## דער בלייַער

איך צאָל פֿאַר אים ניט טייַער,
צוויי קליינע פּעניס בלויז.
און ער, דער גוטער בלייַער,
מאַכט פֿאַר מיר אַ הויז.

## אין קלאַס

מאַך דעם בלייַער מיט אַ שפּיץ,
האַלט דאָס ביכל גרייט.
אויפֿן בענקל רואיק זיץ,
און הער אויס דעם לערערס רייד.

## דאָס ביכל

האַלט ריין און גאַנץ דאָס ביכל,
און שטענדיק אויף אַ פּלאַץ.
עס וועט דיך לערנען רעדן,
און שרײַבן גוט אַ זאַץ.

נעם יעדן טאָג דאָס ביכל
און לייען אויף אַ קול:
עס וועט דיר זאָגן זאַכן
פֿון הײַנט און פֿון אַמאָל.

דאָס ביכל איז דײַן חבֿר,
דאָס ביכל גיט דיר פֿרייד.
עס ווײַזט דיר שיינע בילדער,
און רעדט מיט קלוגע רייד.

## מײַן יִדישע שול

בלויז איין צימער האָט די שול,
אַן איינציק צימער בלויז.
איז מיר היימיש יעדע זאַך,
ווי בײַ זיך אין הויז:

דער טיש מיט ביכער און פּאַפּיר,
די בילדער אויף דער וואַנט.
דער טאָוול און דער אַלף־בית,
וואָס איז מיר גוט באַקאַנט.

דאָס שפּילן אויף דער פּיאַנאָ שטיל,
פֿון גרויסן לאָמפּ די שײַן.
און אַלע קינדער, גרויס און קליין,
וואָס קומען דאָ אַרײַן.

# דער אַלף־בית רעדט

איך בין דער סאַמע ערשטער אות.
אַלע ייִדן ווייסן דאָס.

איך בין פֿאַרמאַכט פֿון זײַטן דרײַ.
די פֿערטע זײַט איז שטענדיק פֿרײַ.

אויף איין פֿיסל קאָן איך שטיין.
אויף איין פֿיסל, גרינג און שיין.

נאָר אַ ווענטל מיט אַ דאַך,
מערער האָב איך ניט קיין זאַך.

איך בין שוין אַ פֿאַרטיק הויז,
נאָר איין וואַנט — זי פֿאַלט אַרויס.

שרײַבסטו: ווינטער, וואַסער, ווײַן —
מיט צוויי וואָוון שרײַב עס פֿײַן.

דער זײַען זינגט אין הויז. עס איז
זײַן זינגען זייער, זייער זיס.

חנה, חנוכּה, מען דאַרף
אַרויסזאָגן די ווערטער שאַרף.

איך בין דאָ אין שטילן טראָט.
אינעם טומל פֿון דער שטאָט.

ווען מיט אַ ברודערל איך שטיי
זאָלסטו לייענען אונדז: יי.

כאַפּ ניט ווען דו שרײַבסט דעם כ,
אַ לאַנגער ך בין איך צום סוף.

מײַן האַלדז איז דין, מײַן האַלדז איז לאַנג,
און מיט אַ קעפּל פֿון אַ שלאַנג.

איך האָב אַן אָפּן טירל גרייט,
דאָס טירל אונטן אָפּן שטייט.

אין געוויין בין איך און אין געזאַנג,
איך בין קרום און איך בין לאַנג.

אַ רעדל מאַך געלאַסן, שטיל.
די פֿולקייַט פֿון אַ פֿעסל פֿיל.

אַ זײַען מיט אַ קרומען נון —
עס ווערט דער ע גלײַך דערפֿון.

מיטן פּ בין איך אַ פּאָר.
זאָל אונדז זײַן צו לאַנגע יאָר!

אַ מאָל בין איך געבויגן, קרום.
אַ מאָל בין איך אַ שלאַנקע בלום.

ווינד איז מיר! ווינד און ווײ!
איך בין צעהאַקט אויף שטיקער צווײ.

צו אַ טיר און צו אַ טויער
לייג איך צו מײַן רונדן אויער.

שטילע, מיט אַ פּלאָם אַ שײנעם,
ברענען ליכטלעך דרײַ אין אײנעם.

איך קום צום סאַמע סאַמע סוף.
דער לעצטער לעצטער אות — דער ת.

# ייִדישע קינדער

## יאַנקל

יאַנקל-באַנקל בול-בול-בול,
גייט אַוועק גאַנץ פֿרי אין שול,
קומט אַהיים אַ זייגער דרײַ,
און ביז מאָרגן איז ער פֿרײַ.

## אַווראַמל

אַווראַמל ווייס: עס קומט זײַן נאָמען
פֿונעם ערשטן ייִד, אברהמען.
לייענט ער דערפֿאַר מיט פֿלײַס,
שרײַבט פֿון ביכל אָן אַ גרײַז.

## משה-מלך

אין ערשטן קלאַס איז משה-מלך.
ער קומט צום לערנען פֿרי און פֿריילעך.
כאָטש דאָס שרײַבן איז אים שווער,
און דאָס לייענען נאָך מער.

## חנה

חנה קומט אין שול געלאַסן,
מיט אַ מינע גרויס און וויכטיק.
חנהס אויגן זײַנען ברוינע,
און איר פּנים שיין און ליכטיק.

## אסתּר

ווי אַ שוועסטער מיט אַ שוועסטער
איז מיט אַלע מיידלעך אסתּר.
האָט זי פֿריינד אַ סך אין גאַס,
און אויך חבֿרטעס אין קלאַס.

## שיינע

איך האָב ליב די גרויסע שיינע,
כאָטש זי איז ניט אַזאַ שיינע.
גוט איז אָבער וואָס זי טוט.
און צו מענטשן איז זי גוט.

## יוכבֿד

איך וועל שטענדיק דאָס געדענקען
ווען אין אויג וועט שטיין אַ טרער:
אויך דער מאַמען פֿון אַ משה
איז געוועזן זייער שווער.

## אַהרן

אַהרן — דאַרן — אָפּצונאַרן —
רופֿן קינדער מיך. איך שווײַג;
אויף אַ שטעקן, אויף אַ דאַרן,
האָט געבליט אַ מאַנדלצווײַג.

## אליהו

בײַ דעם סדר זאָגט דער טאַטע
מיט אַ פֿריילעך קול צו מיר:
אליהו, גיי און עפֿן
אליהון ברייט די טיר.

## צפּורה

ווען איך וועל אַ גרויסע ווערן
וועל איך צו דעם ברונעם גיין.
דאָרטן וועט מײַן ייִנגל זיצן,
ווי אין חומש, שטאַרק און שיין.

## מלכּה

ניט קיין מלכּה אויפֿן טראָן,
ניט איר מאַן וועט זײַן אַ מלך.
מלכּה וואוינט אין פּעטערסאָן,
און איז גליקלעך, און איז פֿריילעך.

## שלמה

ניט ווי מלך שלמה קלוג
איז אונדזער שלמה, דאָך —
ער לייענט ווערטער גיך געננוג,
און פֿון טאָוול שרײַבט ער נאָך.

## משהל

ווען עס קומט דער יום־טוב פּסח
האַלט זיך משהל זייער גרויס.
— ווי דער גרויסער משה הייס איך —
זאָגט ער אַלעמען אין הויז.

## מרים

איר באָבע האָט אַזוי געהייסן,
איר עלטער־באָבע, און אַזוי
האָט משהס שוועסטער אויך געהייסן:
אַ פֿריילעכע, אַ קלוגע פֿרוי.

## רחל

מיט אַ וואַרעם לויטער ליכט
שײַנט איר אָנגענעם געזיכט.
די מאַמע רחל, זי אַליין,
האָט געהאַט אַזוי פֿיל חן.

## מײַן משפּחה

איך האָב אַ טאַטן מיט אַ מאַמען,
איך האָב אַ שוועסטערל, אַ קלײנע.
מיר זײַנען אַלע פֿיר צוזאַמען
אַ משפּחהלע, אַ שײנע.

איך האָב אַ פֿעטער מיט אַ מומען.
ער הײסט מאָטל, זי הײסט רוטע.
יום־טובֿ זײַנען זײ געקומען
און געבראַכט מיר זאַכן גוטע.

איך האָב אַ באָבע מיט אַ זײדן
אין שײנעם װאַשינגטאָן, די. סי.
איך װעל פֿאָרן צו זײ בײדן
אין אַ שײנעם אין דער פֿרי.

## פֿון דער גאַנצער װעלט

אײן זײדע קומט פֿון פױלן,
דער צװײטער פֿון אוקראַיִנע.
פֿון דער ליטע קומען
בײדע באָבעס מײַנע.

אײן פֿעטער װאױנט אין טשילי,
אין איר שטאָט, דער גרעסטער.
אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע,
װאױנט דער מאַמעס שװעסטער.

פֿון שײנעם ברוקלין קומען
מײַן מאַמע מיטן טאַטן.
אויך איך בין דאָ געבוירן,
אין די פֿרײַע שטאַטן.

# ווען מײַן מײדעלע איז קראַנק

ווען מײַן מײדעלע איז קראַנק
נעמט זי מעדיצינען:
װײַסע פּילן פֿאַרן האַלדז,
ראָזע אַספּירינען,
פֿון אַ פֿלעשל אַ געטראַנק.
וואָס דער דאָקטער האָט פֿאַרשריבן —
אַלץ.

מײנט איר, אַז עס ווערט איר גוט
פֿונעם דאָקטערס צעטל?
אָדער ווײַל זי ליגט און רוט
פֿינף טעג אין בעטל?

ניין, עס ווערט איר גאָרניט גוט
פֿון די אַלע זאַכן.
עפּעס וואָס די מאַמע טוט
קאָן געזונט זי מאַכן.

די מאַמע האָט אַ האַרציק קול —
גיט זי מיט דעם אײַן
אַ זיסע מעשה פֿון אַמאָל —
שלאָפֿט די קלײנע אײַן.

די מאַמע האָט אַ װײכע האַנט —
גלעט זי, גלעט איר קאָפּ.
מיט די ווײטיקן באַנאַנד
פֿאַלט די היץ אַראָפּ.

די מאַמע האָט אַ וואַרעם מויל,
און זי קושט זי לאַנג —
אָט פֿון וואָס עס ווערט איר וואויל
און זי איז ניט קראַנק.

## דאָס קינד איז קראַנק

דאָס קינד איז קראַנק. ש־ש־שאַ. שאַ.
דער טאַטע שווײַגט. עס שווײַגט די מאַ.
אַלע מאָל גייט זי צום בעט
און גיט זײַן קעפּעלע אַ גלעט.
שטילער. שטיל. זײַט אַלע שטיל.
קלאַפּט ניט מיט די פֿיס אין דיל.
שרײַט ניט. רעדט ניט. רעדט ניט הויך.
געווען איז הײַנט דער דאָקטער אויך.
דער דאָקטער האָט פֿאַרשריבן פּילן.
געגעבן האָט ער פּעניסילן,
צו שמירן עפּעס, אַ געטראַנק.
שטילער. שטיל. דאָס קינד איז קראַנק.

## מײַן ייִנגעלע ציילט

מײַן ייִנגעלע, געזונט זאָל ער מיר זײַן,
ציילט זײַנע שפּילעכלעך אַזוי ביז נײַן:
איינס — פֿון פֿאַרצעלײַ דער האָן,
צוויי — דער שוואַרצער טעלעפֿאָן,
דרײַ — דאָס שיפֿל, וואָס איז גרין,
פֿיר — די קליינע ניי־מאַשין,
פֿינף — דער העליקאָפּטער פֿליט,
זעקס — דאָס דראָטעלע, וואָס ציט,
זיבן — דאָס פֿערד, וואָס וויל ניט גיין,
אַכט — דאָס פֿינגערל, וואָס ציילט,
נײַן — דאָס ייִנגעלע אַליין.

# פֿאַרוואָס?

— מאַמע, מאַמע, זאָג פֿאַרוואָס
ווערט ניט זיס די טיי אין גלאָז?
איך וואַרף דעם צוקער, וואַרף און וואַרף,
מערער וויפֿל מען באַדאַרף —
שטיקלעך צוקער — אפֿשר צען!
אָבער, מאַמע, זע נאָר, ווען
איך טו מיט לעפֿעלע אַ דריי —
גלײַך ווערט זיס אין גלאָז די טיי.

# אין דזשאַמייקע

אין דזשאַמייקע, אין דזשאַמייקע,
וואוינט אַ מיידל, הייסט זי לייקע.
איך קען זייער גוט דאָס מיידל:
זי גייט אָנגעטאָן אַ קליידל,
אויף די פּיסלעך טראָגט זי שיכלעך,
גייט אין שול און לייענט ביכלעך.
און ווי דו, ווי זי, ווי אַלע,
וועט זי זײַן אַ שיינע כלה.
גאָרניט אַנדערש איז זי, לייקע,
וואָס זי וואוינט אין דזשאַמייקע.

# טעלעוויזיע

די בעסטע טעלעוויזיע
(וועט דאָס עמעץ גלייבן?)
איז בײַ מיר דאָס פֿענצטער
מיט די גרויסע שויבן.

דאָרט זע איך גיין די מענטשן
פּאַמעלעך און אויך גיך.
דער אין ווײַסע קליידער,
דער אין שוואַרצע שיך.

איינער גייט אַ ברייטער,
דער צווייטער שמאָל און הויך.
דער דריטער, אײַנגעבויגן,
לאָזט פֿון מויל אַ רויך.

ווײַטער פֿאָרן באָסעס.
רונד און געל און גרויס.
עס גייען פּיס אַרײַן,
עס גייען פּיס אַרויס.

שענער נאָך און שענער
איז ווען אַ רעגן פֿאַלט.
די גאַסן ווערן קלענער,
די הײַזער ווערן אַלט.

אַן אַנדער בילד גאָר איצטער,
אַלצדינג אַנדערש איז:
איך זע ניט מער קיין מענטשן,
נאָר שירעמס אויף צוויי פּיס.

# שפּײַז

אין אַ קאַסטן, ריין און ווײַס,
האַלט מײַן מאַמע פֿרישע שפּײַז:
מילך, אייער, פּאַרמער־קעז,
קאַלטן באָרשטש און יאַגעדעס,
מייערן, מאַראַנצן, קרויט,
פּאָמידאָרן יונג און רויט.
פּוטער געל, און ווײַס ווי שניי,
לימענעס צו טרינקען טיי,
פֿלעשער סאָדע, אָראַנדזש, גרין,
פֿאַר דעם קינד אַ וויטאַמין,
פֿיש און פֿלייש און נאָך און נאָך —
פֿאַר דער גאַנצער פֿולער וואָך.

# אין דער היים

## אין דער פֿרי

איך טו אָן די קליידער שנעל,
די זאָקן און די שיך.
מיט דעם האַנטעך ווײַס און ריין,
לויף איך וואַשן זיך.

דאָס פֿרישע וואַסער שמעקט מיט אײַז,
דער פֿרישער זייף מיט בעז.
פֿון דער מאַמעס קיך עס שמעקט
מיט פּוטער און מיט קעז.

## בײַם טיש

מיט דעם מעסער שנײַד איך ברויט,
זעמל און אַן עפּל.
אינעם טעלער גיט די מאַמע
הייסע זופּ פון טעפּל.

מיט דעם גאָפּל עס איך פלייש,
מיט דעם לעפל קאַשע.
מיט די פינגער האָב איך ליב
שאָקאָלאַד צו נאַשן.

## היים־אַרבעט

איך האָב די היים־אַרבעט געמאַכט
גוט און שיין און ריין.
איך קאָן איצט אַלע זאַכן טאָן,
וואָס נאָר איך וויל אַליין.

נאָר איך טו גאָרנישט. איך זיץ
בײַם טישל און איך טראַכט.
ווי גוט איז אויפן האַרצן מיר
ווען אַלץ איז שיין געמאַכט!

# אַ גוטע נאַכט

משהלען

נאָך אַ טאָג פֿון פֿרייד און שפּיל
ליגט מײַן קינד אין בעטל שטיל.
זײַנע ליפּלעך, רויט און פֿײַכט,
שאָקלען זיך פּאַמעלעך, לײַכט.
דאָס זאָגט אַ גוטע נאַכט מײַן קינד
צו דעם גראָז און צו דעם ווינט,
צו דער לאַמאַ אינעם זו,
צו דעם באָס, וואָס מאַכט טו־טו.
אַ גוטע נאַכט! אַ גוטע נאַכט!
צו דעם פֿערד פֿון האָלץ געמאַכט,
צו דעם הונט פֿון פּאָרצעלײַ,
צו די זעלנערלעך פֿון בלײַ.
אָבער קיינער הערט ניט דאָס.
עס שלאָפֿט דער ווינט, עס שלאָפֿט דאָס גראָז,
עס שלאָפֿט דער הונט פֿון פּאָרצעלײַ,
און די זעלנערלעך פֿון בלײַ.
נאָר די מאַמע וואָס זיצט און וואַכט,
ענטפֿערט שטיל: אַ גוטע נאַכט.

## האַרבסט

די נעכט ווערן גרעסער און קלענער די טעג.
די זון איז אַ קאַלטער, אַ געלבלעכער פֿלעק.
די גאַס איז ניט שיין און דער פּאַרק איז ניט שיין.
זיך באָדן צום ים קאָנסטו מער שוין ניט גיין.
ס'איז טונקל גאַנץ פֿרי און בײַטאָג און פֿאַרנאַכט.
ווי גוט וואָס אין הויז זײַנען לעמפּלעך געמאַכט!
דו גיסט נאָר אַ דריי און אין צימער ווערט העל,
אַזוי ווי די זון וואָלט געווען אויף דער שוועל.

## דער שניי־מענטש

שניי דער בויך און שניי די פּלייצע,
און דער קאָפּ איז ווײַס ווי שניי.
שוואַרצע ליפּן, שוואַרצע ברעמען,
גרויסע שוואַרצע אויגן צוויי.

## נאָך אַ שניי־שטורעם

בייזע ווינטן זײַנען נעכטן
אומגעלאָפֿן מיט געשריי.
איצטער ליגט אויף אַלע גאַסן
ווייך און שטיל אַ גוטער שניי.

## קאַלטע לאַנדשאַפֿט

אויף מײַן שויב אַ קאַלטע לאַנדשאַפֿט
ליגט אין ווינקל, שטיל און ווײַס:
הויכע ביימער, לאַנגע גראָזן,
און אַ טײַך מיט אײַז.

# פֿרילינג

אין מיטן טאָג ווערט מיט אַ מאָל
דיר אומעטיק אין הויז.
אַ באַקאַנט און וואַרעם קול
רופֿט אין פּאַרק אַרויס.

שיינע זאַכן קומען פֿאָר
אינעם פּאַרק אַצינד:
עס זינגט פֿון פֿייגעלעך אַ כאָר,
עס ליכטיקט און עס גרינט.

צווישן ביימער איז אַ פֿרייד —
קנאָספּן האָבן זיי.
און אַ וואַסער, שטילערהייט,
מאַכט אַ גרויס געשריי.

אויך ביַי גראָזן, פֿריש און ניַי,
טוט זיך עפּעס וואָס.
ווען דער ווינט, וואָס לויפֿט פֿאַרביַי,
טוט אויף זיי אַ בלאָז.

# זומער־לעב



## פֿרישער רעגן

איבערביימער, איבער גראָזן,
גייט אַ פֿרישער רעגן.
פֿאַר די פֿייגל, פֿאַר די האָזן,
פֿאַר די קינדערס וועגן.

וואַקסן וועלן פֿולע זאַנגען,
פֿרוכטן זיס און פֿריש.
פֿונעם בעסטן צו דערלאַנגען
קינדער בײַ דעם טיש.

## אַ געלער פֿלעק

דער הימל איז אַ בלויער, ריינער,
און די זון — אַ געלער פֿלעק.
שווימט אַ וואָלקן צו, אַ קליינער,
און ער טוט זי אַ פֿאַרדעק.

דעקט זי צו אַ ווייכער, לײַכטער,
ווי מיט לעשפּאַפּיר אַ שטיק.
נאָר דער פֿלעק, אַ רונדער, פֿײַכטער,
נעצט אַדורך און קומט צוריק.

## אַ ווינטל

נעכטן איז געוועזן הייס,
זייער הייס און פֿײַכט.
— אָ, זאָל כאָטש אַ ווינטעלע
אַ בלאָז טאָן איצטער לײַכט!

הײַנט בלאָזט אַ ווינטל קיל און לײַכט,
און לעשט פֿון זון דעם פֿלאַם.
— ניט גוט, ניט גוט, איך קאָן ניט גיין
זיך אָפּבאָדן צום ים!

## בײַם ים

הענט אין וואַסער, הענט אין זאַמד,
און פֿיס און פֿיס און פֿיס!
צו דעם ים געקומען הײַנט
די גאַנצע שטאָט עס איז.

איבער הענט און איבער פֿיס
שירעמס אַלערליי.
דער סאַמע שענסטער שירעם איז
דער הימל איבער זיי.

## די זון

ווען הימלען ווערן גרויס און ריין
צעגיסט די זון איר ליכט.
זי מאַכט עס זאָל דער שניי צעגיין,
און וואַרעמט מײַן געזיכט.

## אַ שטורעם

ער וויגט דיביימער אינעם פּאַרק,
און יאָגט די וואָלקנס גיכער.
ער שלעפּט מיך ביַי די אָרעמס שטאַרק,
און רייַסט פון האַנט די ביכער.

## אַ שטילער ווינט

ער האָט אַ האַלבע רגע קוים
געטרייסלט מיט דער טיר.
אין פֿענצטער האָט דער גרינער בוים
געטאָן זיַין צווייַג אַ ריר.

## רעגן

שוואָמען וועלן זיַין, און גראָז,
און ברויט, און זיסע פֿרוכט.
דעם פֿרישן רעגן האָט נאָר וואָס
די האַרטע ערד פֿאַרזוכט.

## אַ בין

דער הימל בלוי, די זון איז גאָלד,
דאָס גראָז איז ליכטיק גרין.
די פֿליגעלעך מיט ברוין באַמאָלט
נאָך האָניק פֿליט אַ בין.

## די בעסטע צײַט

פֿון ריינעם זילבער איז דער טײַך,
דאָס גראָז פֿון ריינעם זײַד.
צו זען ווי די וועלט איז רײַך
איז איצט די בעסטע צײַט.

## אײַזקרים

גלין־גלין! גלין־גלין!
רופֿט אַ גלעקל הילכיק, דין:
הייס און דושנע איז אַצינד,
ניט קיין שאָטן, ניט קייןווינט.
קינדער! קינדער! פֿרישער קרים
מאַכט אײַך ריין און קלאָר די שטים.
קרים איז גרינג, ווי שניי, און ווײַס.
אין די פֿינגער — אַ שטיק אײַז,
אויף די ליפּן הוילער פֿראָסט.
און דאָס אַלץ — אַ דרײַעם קאָסט!

## צו פֿיל צײַט

געבאָדן זיך, געשפּילט אין באָל,
געלאָפֿן און גערוט.
דער זייגער איז ניט מער ווי זעקס,
און כ׳ווייס ניט וואָס מע טוט.

דאָס גאַנצע יאָר, ווען כ׳גיי אין שול,
איז קליין פֿאַר מיר דער טאָג;
כ׳האָב צו טאָן און טאָן און טאָן,
איך אײַל זיך און איך יאָג.

און איצט איז נאָר אַ זייגער זעקס,
דער אָוונט איז נאָך ווײַט.
זאָג מיר, זאָג, וואָס זאָל איך טאָן
מיט אַזוי פֿיל צײַט?

# אײַנרעדענישן

1.

װען די קאַץ בײגט אײַן אַ פֿיסל,
לעקט עס מיט דער צונג אַ ביסל,
װאַשט דאָס קעפּעלע אַרום
אין דער לענג און אין דער קרום,
מאַכט דאָס אויערל זיך ריין —
װעלן קומען געסט צו גײן.

2.

װען דו זעסט אין ריינעם גלאָז,
אַז די טײ איז פֿריש און ראָז,
און עס שװימען אין דער טײ
קלײנע בלעטלעך, דרײַ צי צװײ —
קאָנסטו זיכער זײַן בײַ זיך:
װעסט אַ בריװ באַקומען גיך.

.3

וועז דו גייסט אויף אַ שפּאַציר,
און אַ קאַץ אַנטקעגן דיר,
אַ שוואַרצע קאַץ מיט אויגן גרין,
טוט אַ לויף אַהער, אַהין,
טוט אַ שפּרונג אויף לינקס, אויף רעכטס —
ניט וויסן זאָלסטו פֿון קיין שלעכטס!

.4

וועז דער קראַנקער אויפֿן בעט
נאָך פֿון היץ פֿון גרויסער רעדט,
נאָך אין פֿיבער ליגט, אין גלי —
טוט אַ הויכן ניס: אַפּטשי!
און נאָך אַ מאָל: אַפּטשי! און נאָך —
ער וועט געזונט ווערן די וואָך.

# III

# לידער פֿון דער גרויסער שטאָט

# לידער פון דער גרויסער שטאָט

## BROADWAY

אויטאָס, קאַרס און באָסעס,
אויפֿן קאָפּ די באַן.
מענטשן שפּאַנען, שפּאַנען,
מיט אַ גיכן שפּאַן.

אויגן גלאַנצן פֿריילעך,
ליפּן שמייכלען שיין.
מיט אַזוי פֿיל מענטשן
איז פֿריילעכער צו גיין.

## SOUTH FERRY

ווילסטו פֿון דער שטאָט אַוועק,
פֿונעם טומל הייס און גרויס —
נעם די פֿערי אויפֿן ברעג,
שווים מיט איר אין ים אַרויס.

הימלען זײַנען שטיל און ווײַט,
שטיל דאָס וואַסער איז, און טיף.
בלויז אַ ווײַסע מעווע שרײַט
צו דער קליינער רויטער שיף.

## GEORGE WASHINGTON BRIDGE

אין רעגן איז די בריק ניט שיין,
גרוי און בײַכיק ווי אַ פֿאַס.
און קאַר נאָך קאַר, ווי שטיין נאָך שטיין,
וואַרפֿט עמעץ מיט אַ כּעס.

אין זונליכט איז זי שיין און העל —
אַ טאַנציקע פֿיגור.
און קאַר נאָך קאַר, ווי קרעל נאָך קרעל,
לויפֿט גלאַנציק אין אַ שנור.

## אַ שענער הויז

אין די גרויסע דירות,
מיט די פֿענצטער ברייט —
לעבן מענטשן שענער,
האָבן מענטשן פֿרייד.

ווען אַלע וועלן האָבן
דירות שיין און גרויס —
וועט די שטאָט, די גאַנצע,
זײַן אַ שענער הויז.

# בײַנאַכט

דער הימל איז בײַנאַכט אַ שטאָט
מיט עווענױס געדיכט.
די װאָלקנקראַצערס זעט מען ניט,
נאָר דאָס װײַטע ליכט.

די שענסטע גאַסן זײַנען, װאו
דער מילכוועג איז ברייט.
דער גרעסטער סקוועער איז דאָרטן, װאו
דער בער, דער גרויסער, שטייט.

אויך קאַרס און אויטאָס, מן־הסתם,
פֿאָרן הער און הין.
אָט צינדט אַ שטערן אָן זיך רויט,
אָט איז ער ווידער גרין.

און מענטשן, אויב זיי לעבן דאָרט,
מיינען אויך ווי מיר:
דער הימל איז בײַנאַכט אַ שטאָט
מיט גאַסן אָן אַ שיעור.

## טויבן אויף בראָדוויי

אין סאַמע מיטן פֿון בראָדוויי
שטייען יונגע טויבן צוויי.

זאָגט די ערשטע: קום אַהין
וואו די לאָמפּן ברענען גרין.

זאָגט די צווייטע: ניין און ניין!
איך וועל צו די רויטע גיין.

לעבן זיי לויפֿט גיך אַ קאַר.
עס טוט אַ הייסער באָס אַ שפּאַר.

טויבן נאַרישע איר צוויי!
ווער שטעלט זיך ריידן אויף בראָדוויי?

## די לבֿנה

די לבֿנה — אַ באַנאַנע
און די שטערן? — פֿליגן.
מחנות פֿליגן און זיי ווילן
די באַנאַנע קריגן.

אַנגעפֿאַלן וואָלטן אַלע
אויף איר פֿלייש דעם ווייכן,
אַז עס וואָלט פֿון איר ביז מאָרגן
נישט געווען קיין צייכן.

די לבֿנה — אַ באַנאַנע,
געל — אַ פֿאַרגעניגן!
און די שטערן? — נעבעך, נעבעך,
הונגעריקע פֿליגן.

# דאָס גאָלדענע קאַטשקעלע

אַ גאָלדן קאַטשקעלע, וואָס לאַכט.
אַ הויז פֿון שטערנדלעך געמאַכט.
גרינע ציגן, בלויע וועלף,
אַ לבֿנה האַלב נאָך צוועלף.

אוי, וואָס דאָ איז אַלץ פֿאַראַן!
פֿון פּאַריז אַן עראָפּלאַן,
פֿון לאָס-אַנדזשעלעס די באַן,
דער מיקאַדאָ פֿון יאַפּאַן.

נאָך דער שול — אַזייגער דרײַ —
גיי איך דורך דער קראָם פֿאַרבײַ.
נאָר איין רגע שטיי איך דאָרט.
נאָר איין רגע — כ'גיב מײַן וואָרט!

אָבער מאַמע שרײַט גאָר, אַז
איך שלעפּ זיך שעהן אויף דער גאַס.
— מאַמע! מאַמע! און איך טראַכט
פֿון גאָלדן קאַטשקעלע וואָס לאַכט.

# וואָלקנס

1.

אַלע זאָגן: עס איז שענער
ווען עס איז דער הימל קלאָר.
אָבער מיר געפֿעלט ער בעסער
ווען ער איז מיט וואָלקנס גאָר.

וואָלקנס האָבן שיינע פֿאַרבן,
און געשטאַלטן אַלערליי.
מיט די אויגן האַלב געשלאָסן
קוק איך מיט אַ פֿרייד אויף זיי.

וואָלקנס מאַכן פֿול דעם הימל
מיט באַוועגונג און קאָליר.
אָן די וואָלקנס קוקט דער הימל
טריב און טרויעריק אויף מיר.

2.

קוק זיך איַין: אַ שיף מיט זילבער
שווימט אַריבער אַ טונעל. —
הינטער איר צוויי קליינע פֿישלעך
גלאַנצן מיט די בײַכלעך העל.

באַלד ווערט פֿון דער שיף אַ טיגער,
פֿון די פֿישלעך ווערט אַ בער.
צו דער זון מיט גרויסע לאַפּעס
רוקן זיַי זיך שוואַרץ און שווער.

פֿון דעם ליכט און פֿון דער הייסקייט
האָט געפּלאַצט בײַ זיי די פֿעל.
קוק זיך איַינעט: רויטע פֿליישן
שווימען איבער אַ טונעל.

3.

עס האָט אַ ווינט, ווער ווייסט פֿון וואַנען,
קיל געמאַכט דעם הייסן טאָג.
וואָלקנס הייבן זיך ווי הײַזער,
הויכע הײַזער, בלאָק אויף בלאָק.

ווי אַ גרויסע שטאָט אין רעגן
זעט דער הימל איצטער אויס.
אויף אַ צענטן שטאָק אַ פֿענצטער
טוט אַ שײַן און לעשט זיך אויס.

איך וואָלט וועלן דאָרטן וואוינען.
שטיין אין גאַס אויף דעם אַספֿאַלט,
אָן אַ שירעם, אָן אַ מאַנטל,
ווען דער רעגן פֿאַלט און פֿאַלט.

# אין זו

## דער בער

דער ברוינער בער איז גרויס און שווער,
גרויס און שווער ווי ס׳איז אַ בער.
פֿעט און גראָב עס איז זײַן קאַרק,
זײַנע לאַפּעס זײַנען שטאַרק.
וואָס וויל דער בער? געוויס, געוויס,
אַ שטיקל צוקער ווײַס און זיס.

## דער העלפֿאַנט

גרויסער שטאַרקער העלעפֿאַנט!
איך האָב געלייענט פֿון דײַן לאַנד:
דאָרט איז דזשאַנגל, ווילד און וואַלד.
דאָ שפּאַצירסטו אויף אַספֿאַלט
שטאָלץ און הויך. און מיט דער נאָז
הייבסטו אויף אַ באַרג — מיט גראָז.



## דער לייב

ווילדער לייב, שלעכטער לייב!
טוסט דיַין שטאָלצן קאָפּ אַ הייב,
און מיט אויגן, ברוין און הייס,
קוקסטו אויף מיַין טאָכטער בייז.
זי איז דאָך ניט שולדיק, וואָס
דיַין אַפּעטיט איז אָן אַ מאָס.

## דער טיגער

טיגער, טיגער, געל און ברוין,
ביסט אין זו פֿון יאָרן שוין,
און דו לויפֿסט נאָך אַלץ אַרום
ווי אין דזשאָנגל, מיט געברום.
טיגער, טיגער, ברוין און געל,
איך האָב ליב דיַין שיינע פֿעל!

## אַ פּינגווין

מיט דעם ווײַסן בויך אַרויס
שטייט ער אויף צוויי פֿיסלעך בלויז.
גלײַך און שטיל. און ווען ער גייט
שאָקלט ער זיך אין דער ברייט.
שטיל און גלײַך, שטיל און גלײַך,
און קוקט אַ נאַרישער אויף אײַך.

## מאַלפּעס

מיאוס ווי מאַלפּעס
זײַנען זיי.
לאַנגע עקן
האָבן זיי.
זיי שפּרינגען ווילד,
זיי שפּרינגען גיך,
און זעען אויס
ווי דו און איך.

# אַרבעטער

## דער שנײַדער

ער מאַכט דײַן מאַנטל און דײַן קלייד,
דאָס העמד אויף דיר האָט ער גענייט.
צוגערוקט צו דער מאַשין,
מיט אַ נאָדל שאַרף און דין,
מיט אַ מאָס און מיט אַ שער
גיך און פּריילעך אַרבעט ער.

## דער שוסטער

אָפּגעריסן פּון די שיך
האָבן ביידע זוילן זיך.
נעמט ער לעדער, נעמט די אָל,
דרייט זיי, קלאַפּט זיי אויף אַ שטאָל:
קלאַפּ און קלאַפּ און קלאַפּ! און איך —
האָב שוין ווידער גאַנצע שיך.

## דער סטאָליער

מיט דעם האַמער, מיט דער זעג,
קלאַפּט ער, זעגט ער גאַנצע טעג.
שנײַדט ער ברעטער אין דער ברייט
ווערט אַ טיש, אַ רונדער, גרייט;
שנײַדט ער ברעטער אין דער לענג —
ווערן שיינע שטאַרקע בענק.

## די קראַנקן־שוועסטער

פֿון דײַן שמייכל, ליב און גוט,
קריגט דער קראַנקער נײַעם מוט.
גיסט איר וואַסער, גיסט אַ פּיל,
טוסט זײַן קאָפּ אַ צערטל שטיל.
נאָר אַ גוטער מענטש, ווי דו,
קאָן אַ קראַנקן געבן רו.

## דער בעקער

ווײַס און וואַרעם, ווײַס און נײַ,
איז בײַנאַכט אין בעקערײַ.
כאָטש עס איז שוין זייער שפּעט
שטייט ער, און ער קנעט און קנעט.
און זײַן פּנים, שיין און דיק,
איז קיין האָר ניט שלעפֿעריק.

## דער לערער

ער ווײַזט דעם אַלף דיר, דעם בית, דעם גימל.
דערציילט אַ מעשׂהלע פֿון ערד און הימל.
ער לערנט דיך: צו ריידן ייִדיש ריכטיק,
אַ ליד אויף יום־טובֿ, וואָס איז זייער וויכטיק,
אַ ביסל לייענען, אַ ביסל שרײַבן —
און וועט דײַן פֿרײַנד אויף לאַנגע יאָר פֿאַרבלײַבן.

## דער אָמניבוס־פֿירער

זעט ער אויגן גוט און גרין
פֿירט ער ווײַטער די מאַשין.
פֿירט זי רואיק, פֿירט זי קלוג,
פֿירט זי פֿאָרזיכטיק גענוג.
זעט ער אויגן רויט פֿון כּעס —
וואַרט ער בײַ דעם ראָג פֿון גאַס.

## דער קרעמער

וואָס דו דאַרפֿסט האָט ער פֿאַר דיר:
קיכלעך, ביכלעך, און פּאַפּיר.
זיסע זאַכן פֿאַר אַ נאַש,
סאָדע־וואַסער אין אַ פֿלאַש.
אויך אַ שמייכל האָט ער גרייט:
עס און טרינק געזונטערהייט!

## דער בריװטרעגער

ווען דער טאָג איז גרוי און גרויס,
און כ׳בין איינזאַם אין מײַן הויז —
האָב איך ליב צו טראַכטן, ווי
ער קומט אַ שטילער אין דער פֿרי,
און לאָזט אין קעסטל בײַ דער טיר
אַ לאַנגן ווײַסן בריוו פֿאַר מיר.

# אַ תּפילה פֿאַר דער גרויסער שטאָט

קומט, לאָמיר אַלע בעטן
אין מיטן העלן טאָג:
פֿאַר מענטשן אין די באָסעס,
פֿאַר מענטשן אויפֿן ראָג.

עס זאָל בשלום קומען
פֿון שול אַהיים דאָס קינד.
עס זאָל דער טאַטע טרעפֿן
געזונט זײַן הויזגעזינד.

פֿאַר אַלטע לאָמיר בעטן,
פֿאַר יונגע אין געיאָג,
פֿאַר אַלע, אַלע מענטשן
אין מיטן העלן טאָג.

קומט, לאָמיר אַלע בעטן
די נאַכט זאָל זײַן אַ נאַכט:
מיט פֿינצטערניש אויף שויבן,
מיט טירן צוגעמאַכט.

מיט קינדער אין די היימען,
און עלטערן מיט זיי.
מען זאָל אויף שטילע גאַסן
ניט הערן קיין געשריי.

דער שלאָף זאָל רואיק קומען
צו יעדער מידער שוועל:
צו קראַנקע אין שפּיטאָלן,
צום פֿרעמדן אין האָטעל.

# שלום־עליכמס מאָטל פּייסי דעם חזנס

## מאָטל און מעני

דער דרויסן איז אַ ליכטיקער,
די וועלט איז גרויס און פרײַ.
דאָס קעלבל שפּרינגט אויף אַלע פיר,
מאָטל שפּרינגט דערבײַ.

דאָס קעלבל מעקעט מיט אַ פרייד,
מאָטל מעקעט אויך.
דער הימל הענגט — אַ יאַרמלקע —
גרויס און בלוי און הויך.

## מאָטל כאַפּט פיש

מיטן גרויסן בײַכל,
די פּלייצע אויסגעדאַרט,
שטייט ער אינעם טײַכל
און ער וואַרט און וואַרט.

ער טוט דאָס העמד אין וואַסער
אַלע מאָל אַ צי.
אַ וואָלקנדל, אַ נאַסער,
ליגט בײַ זײַנע קני.

## מאָטל רײַסט עפּל

דער בייזער כּלבֿ אויפֿן שטריק
ליגט רואיק בײַ דעם פּלויט.
— רײַס אונדז, מאָטל, שטיק נאָך שטיק,
ווינקען עפּל רויט.

מיטן שטעקן שטילערהייט
רירט ער אָן זיי קוים.
אַ גרויסע רויטע זון פֿאַרגייט
צווישן בוים און בוים.

# IV

# לידער פון חומש

# אָדם

די ערד איז וואַרעם, און איז פֿריש,
מיט בלומען ווײַס און ראָז.
פֿון וואַסער קוקט אַרויס אַ פֿיש,
אַ וואַרעם פֿונעם גראָז.

די הימלען זײַנען הויך און נײַ.
אַ יונגע זון אין מיט.
דער ערשטער וואָלקן שווימט פֿאַרבײַ.
דער ערשטער פֿויגל פֿליט.

אַן אייזל ליגט. עס שפּרינגט אַ פֿערד,
אַ שלאַנג געלאַסן גייט.
דער ערשטער מענטש אויף ווייכער ערד
מאַכט אויף די אויגן ברייט.

# טרויעריק

זייער טרויעריק איז אָדם.
זייער טרויעריק. פֿאַרוואָס ?
פֿריילעך זײַנען פֿיש אין וואַסער,
פֿריילעך איז דאָס גראָז.

מאַלפּעס שפּרינגען אויף די ביימער,
פֿייגל זינגען שיין.
אָבער אָדם גייט געבויגן
איינינקער אַליין.

ס'איז ניטאָ אין גאַנצן עדן
נאָך אַזאַ ווי ער.
און פֿון זײַנע שיינע אויגן
פֿאַלט די ערשטע טרער.



## חוה

אין מיטן גאָרטן שטייט אַ בוים,
שטייט ער איַינגעבויגן.
קוקט אויף אים די יונגע חוה
מיט הונגעריקע אויגן.

גאָט, גאָט, ליבער גאָט,
פֿאַרוואָס האָסטו פֿאַרבאָטן
צו עסן פֿונעם בוים די פּרוכט
וואָס איז אַזוי געראָטן?

די עפּל זיַינען גרויס און רויט,
און שמעקן, אַ גן־עדן!
אַ כאָר פֿון פֿייגל זינגט אַ ליד,
קלוגע שלאַנגען ריידן.

## די קללה אויף דער שלאַנג

קריכן זאָלסטו אויף דיַין בויך,
קריכן ווי אַ שלאַנג.
הוילע ערד זאָל אייביק זיַין
דיַין עסן און געטראַנק.

האַסן וועט מען דיך אין פֿעלד,
האַסן ווי אַ שלאַנג.
האַסן וועט דיך אויך די פֿרוי
אין איר לעבן לאַנג.

שלעכט און גיפֿטיק וועסטו זיַין,
גיפֿטיק ווי אַ שלאַנג.
און די פֿרוי וועט מיטן פֿוס
טרעפֿן דיך אין גאַנג.



## קיץ

שטיל איז מיט אַ מאָל געוואָרן,
שטיל און ליידיק אויף דער וועלט.
ניט קיין פֿייגל אויף דיביימער,
ניט קיין האָזן אויפֿן פֿעלד.

פֿון דער הייך אַ גרויסער וואָלקן
קוקט אַ ברוגזער אַראָפּ.
און די זון איז רויט און אָפֿן,
ווי די וואונד אין הבֿלס קאָפּ.

און אַ שטילער, שטילער ציטער
גייט פֿון גראָז צו גראָז אַרום.
ער אַליין נאָר ביַי דעם אַקער
שטייט געבויגן, קאַלט און שטום.

## אַבֿרהם פֿאַרקויפֿט סטאַטועס

ביַי אַ טישל מיט סטאַטועס
שטייט אַבֿרהם אין מאַרק.
— „קענסטו מיר אַ גאָט פֿאַרקויפֿן,
קלוג און גרויס און שטאַרק?“

— „יאָ, מיַין טאַטע האָט ערשט נעכטן
אים געמאַכט פֿון שטיין.
ער האָט פֿיס געזונטע, לאַנגע,
נאָר ער קאָן ניט גיין.

ער האָט אַ מויל און קען ניט ריידן,
אויגן — און איז בלינד“.
און עס וואונדערן זיך גרויסע
ווי עס רעדט אַ קינד.

# סדום

שלעכטע זאַכן, מיאוסע זאַכן,
האָבן זיי געטאָן אין סדום.
עפּעס גאָר אַזוינע זאַכן,
אַז איך קאָן דאָס גלייבן קוים!

נאָר מיט ליגן, נאָר מיט שווינדל,
נאָר מיט כיטרע בייזע רייד.
יעדער ריכטער איז אַ פֿעלשער,
יעדער משפּט איז פֿאַרדרייט.

ניט קיין ברויט פֿאַר הונגעריקע,
פֿאַר די מידע ניט קיין בעט.
און פֿון שוואַכע, און פֿון קראַנקע,
האָבן סדומער גראָב געשפּעט.

שלעכטע מענטשן, מיאוסע מענטשן,
זיינען זיי געווען אין סדום.
עפּעס גאָר אַזוינע מענטשן,
אַז איך קאָן דאָס גלייבן קוים!

## אַבֿרהם אין דער הייל

אין הייל איז קאַלט און פֿינצטער,
עס ליגן שטיינער צוויי.
אַ הונגעריקער ייִנגל
שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אויף זיי.

דעם ייִנגלס ליפּ איז טרוקן,
דאָס פּנים מיד און מאַט.
שוין לאַנג האָט ער אין מויל
קיין ביסן ניט געהאַט!

דאָס ייִנגל שלאָפֿט. ער זעט ניט:
די הייל ווערט גרויס און העל.
איין שטיין איז ברוינער האָניק,
דער צווייטער — ווײַסער מעל.

## לוטס ווײַב

קיינער ווייס ניט וואָס געזען
פֿאַרן טויט זי האָט.
זאַלץ אַ שטיק איז זי געוואָרן,
זי — דאָס ווײַב פֿון לוט.

נאָר זי איינע קען דערציילן
ווי עס ברענט אַ שטאָט.
זי איז אָבער זאַלץ געוואָרן,
זי — דאָס ווײַב פֿון לוט.

ווי געלאָפֿן זײַנען מענטשן
בלײַבן וועט אַ סוד.
זאַלץ אַ שטיק איז זי געוואָרן,
זי — דאָס ווײַב פֿון לוט.

## דער רעגנבויגן

ווידער זײַנען בלוי די הימלען,
און די ערד איז ווידער גרין.
אויף דיביימער זינגען פֿייגל,
צו די בלומען פֿליט די בין.

אַלע פֿענצטער פֿונעם הימל
זײַנען צוגעשלאָסן שטאַרק.
און די תּיבֿה, אַלט און ליידיק,
שטייט פֿאַרגעסן אויף אַ באַרג.

ווידער זײַנען מענטשן נאַריש,
הייבן קעגן גאָט די שווערד.
נאָר עס שטייט דער רעגנבויגן
מיט די עקן צו דער ערד.

## נאָכן מבול

ניט געאַקערט שטייען פֿעלדער,
בלומען וואַקסן ווילד און שיין.
אין דער האַנט אַ צווײַגל טרויבן
גייט אַן אַלטער מאַן אַליין.

קיינער זאָגט ניט קיין גוט־מאָרגן,
קיינער וואַרפֿט אים ניט קיין שטיין.
ניט קיין פֿייגל זעט ער פֿליען,
ניט קיין מענטשן זעט ער גיין.

זייער שטיל איז אויף די וועגן,
זייער שטיל און זייער שיין.
און דערפֿילט האָט פּלוצעם נח,
אַז ער איז אין פֿעלד אַליין.



## צוויי ברידער

איינער האָט אַ ווײַסע הויט,
אַ גלאַטיקע און קלאָר.
דער צווייטער איז אין גאַנצן רויט,
מיט רויטע לאַנגע האָר.

איינער זיצט אין דעם געצעלט
אַלע זײַנע טעג.
דער צווייטער איבער וואַלד און פֿעלד
יאָגט זיך נאָך געיעג.

איינעם צו דער תּורה ציט,
דעם צווייטן ניט אַזוי.
דער ערשטער איז אַ פֿרומער ייִד,
דער אַנדערער — אַ גוי.

## עשׂו זוכט שפּײַז פֿאַר זײַן טאַטן

ווידער איז דער הירש פֿאַרשוואונדן,
מיטן פֿייגעלע בײַנאַנד.
אויך דער צווייטער הירש, געבונדן,
רײַסט זיך פֿון זײַן שטאַרקער האַנט.

עס נעמען פֿאַסטעכער פֿאַרטרײַבן
אַלע לעמער פֿונעם טאָל.
באַלד וועט אויך די זון ניט בלײַבן,
ניט דער שאָטן לאַנג און שמאָל.

אַלץ איז הײַנט פֿון אים אַנטלאָפֿן,
אַלץ איז שלעכט, און ניט געטרײַ.
און אין אויגן אָנגעלאָפֿן
זײַנען הייסע טרערן דרײַ.

## יעקבֿ אַנטלויפֿט פֿון דער היים

ערשט ניט לאַנג האָט אויפֿן הימל
נאָך די זון געלויכטן שטאַרק.
פּלוצעם איז זי רויט פֿאַרגאַנגען
אינעם וואָלקן אויפֿן באַרג.

פּלוצעם איז עס קיל געוואָרן.
שאָטנס האָבן מיט אַ מאָל
צוגעדעקט פֿון באַרג די שטיינער,
און די פּאַלמעס אינעם טאָל.

אָפּגעשטעלט דעם וועג אינמיטן
פּלוצעם האָט אַ וואַנט פֿון שטיין.
און דעם יונגן שטאַרקן יעקבֿ
איז געוואָרן שווער צו גיין.

## יוסף דערציילט זײַן ערשטן חלום

צווישן זײַנע עלף ברידער
שטייט ער שלאַנק און שיין אין מיט:
גאַרבן האָבן מיר געבונדן
אין אַ הייסן טאָג פֿון שניט.

פּלוצעם האָבן עלף גאַרבן,
הויך און ברוין, גענומען גיין.
נאָר דער קלענסטער, ווי אַ קיניג,
איז געשטאַנען שטיל און שיין.

און די עלף, פּונקט ווי דינערס,
האָבן זיך פֿאַר אים געבויגן.
יוסף זעט: פֿון אַלע ווינקלען
קוקן אויף אים בייזע אויגן.

## יוסף דערציילט זײַן צווייטן חלום

ליכטיק איז אין פֿעלד און פֿינצטער.
עס איז טאָג און עס איז נאַכט.
זון און שטערן און לבֿנה
הענגען הויך אין זייער פּראַכט.

עלף רונדע ווײַסע שטערן,
די לבנה פֿול און גרויס.
פֿון איר פֿוטערפֿאַס מיט וואָלקנס
קוקט די הייסע זון אַרויס.

און די שטערן, די לבֿנה,
און די זון מיט זיי באַנאַנד,
בוקן זיך צו מיר פֿון הימל
נידעריק און עלעגאַנט.

## נאָכן פֿאַרקויפֿן יוספֿן קיין מצרים

שפּעטער זײַנען אַלע עלף
אין אַ ברייטער ראָד געזעסן.
לעבן זיי אַ העמד אין שטרײַפֿן
און אַ לאַבן ברויט צום עסן.

אויף דער לאַנקע מעקען קעלבער,
שניטערס זינגען, פֿייגל פֿײַפֿן.
נאָר עס שווײַגט אין גראָז דאָס העמדל,
שווײַגט מיט אַלע שיינע שטרײַפֿן.

שיין איז אויף די פֿעלדער. שיינע
רוען אַלע עלף מענער.
נאָר דאָס העמדל מיט די שטרײַפֿן
איז פֿון אַלע זאַכן שענער.

## בײַ דעם ברונעם

בײַ דעם ברונעם זײַנען זאַכן
שיינע זיך פֿאַרלאָפֿן:
עס האָט דער אַלטער אליעזר
רבֿקהן דאָרט געטראָפֿן.

יעקב האָט דעם שטיין פֿאַר רחלען
גרינג אַראָפּגענומען.
צו דעם שיינעם יונגן משהן
איז זײַן ווײַב געקומען.

עס געפֿעלט מיר שטאַרק דער ברונעם,
מער פֿון אַלע ערטער.
אפֿשר וועט אויך מיך בײַם ברונעם
טרעפֿן דער באַשערטער!

## מרים

דאָרט, וואו מענטשן קומען זעלטן,
וואו פֿאַרוואַקסן איז דער וועג,
ווײַט פֿון טײַך, אַ בלייכע מיידל
קוקט צום קעסטל בײַ דעם ברעג:

רעכטס פֿאַרשטעלן עס די ביימער,
לינקס — אַ גרויסע וואַסער־בלום.
פֿונעם גאַנצן ברעג די ריטלעך
נעמען עס געדיכט אַרום.

שטיל און רואיק שטייט דאָס קעסטל,
שטיל און רואיק שלאָפֿט דאָס קינד.
און עס פֿילט די גוטע שוועסטער
ווי איר פּנים גלעט דער ווינט.

# אין אַ יאַמשן קעסטל

אין אַ יאַמשן קעסטל,
אויפֿן גרויסן ניל,
ליגט אַ קינד, אַ ייִדישס,
חנעוודיק און שטיל.

און די טאָכטער פּרעהס
מיט די מיידלעך פֿיל,
גייט אַרום שפּאַצירן
אויפֿן ברעג פֿון ניל.

זעט זי: אויף די כוואַליעס
פֿונעם גרויסן ניל
שווימט אַ יאַמשן קעסטל,
צווישן ריטלעך קיל.

און אין קעסטל, זעט זי,
חנעוודיק און שטיל,
שייַנט אַ קינד, אַ ייִדישס,
ווי די זון אין ניל.

## גאָלד צי פּײַער?

גאָלד צי פּײַער? גאָלד צי פּײַער?
אויגן פֿאַרשן קלוג און קיל:
וועט ער זײַן אַ שקלאַף, אַ נײַער,
צווישן שקלאַפֿן פֿיל און פֿיל?

גאָלד צי פּײַער? גאָלד צי פּײַער?
אויגן קוקן בייז און שאַרף:
וועט ער זײַן אַ קנעכט, אַ טרײַער,
ווי דער גרויסער פּרעה דאַרף?

גאָלד צי פּײַער? גאָלד צי פּײַער?
אויגן קוקן בייז און שלעכט:
וועט ער ווערן דער באַפֿרײַער,
דער באַפֿרײַער פֿון די קנעכט?

## די לאַם

ניט בײַם שטיין, וואָס ליגט אַ נאַסער,
ניט בײַם בוים, וואָס ברענט און ברענט —
איך זע משהן בײַ דעם וואַסער
מיט דער לאַם אויף זײַנע הענט.

ס׳איז דאָס לעמעלע געבליבן
מיד און דורשטיק, נעבעך, שטיין.
האָט עס משה ניט געטריבן,
ניט געהייסן ווײַטער גיין.

אויף די הענט דאָס צאַרט גענומען,
ווי אַ וואַרעם בינטל וואָל,
און געטראָגן, און געקומען
צו דעם וואַסער אינעם טאָל.



## פרעש

אויפֿן טיש און אויף דער שטול
און אין אַלע טעלער.
עס איז מיט זיי דער פּאַלאַץ פֿול,
דער בוידעם און דער קעלער.

אין קליידער זײַנען זיי, אין שיך,
אין בעטן און אין וועש.
אַפֿילו אויפֿן טייג אין קיך,
קריכן גרינע פֿרעש.

אויך בײַ פּרעהן אויפֿן טראָן,
וואָס איז מיט גאָלד באַצויגן —
אַ פּעטע זשאַבע, אויבנאָן,
קוקט מיט גרויסע אויגן.

## דער הײשעריק

הויכע הימלען זײַנען פֿינצטער,
ווינטן בלאָזן שטאַרק און הייס,
מיט אַ רויש פֿון ווילדע פֿליגל
ציען כמאַרעס שווער און בייז.

שוואַרצע, ברוינע, רויטע, פֿליגן,
פֿיס און פֿיסלעך דין און לאַנג,
פֿליקן אָפּ דאָס לעצטע ביימל,
פֿרעסן אויף דעם לעצטן זאַנג.

ניט קיין בלאַט און ניט קיין בלימל,
ניט קיין גרעזל זעט מען מער.
און די הימלען זײַנען פֿינצטער,
און די כמאַרעס ציען שווער.

# די צען מכּות

## 1. בלוט

דער בלויער ניל, דער שײנער ניל,
דער בלויער ניל איז רויט.
בײַ זײַנע ברעגן ליגן פֿיש
מיט אויגן ווײַס און טויט.

## 2. פֿרעש

אין קלײדער זײַנען זײ, אין שיך,
אין בעטן און אין וועש.
אַפֿילו אויפֿן טײג אין קיך
קריכן גרינע פֿרעש.

## 3. אינזעקטן

אויף דער הויט און אין די האָר,
אין אויער און אין נאָז.
מיט די אויגן קוים קוים קוים
קאָן מען זען דאָס.

### 4. פֿלִינן

גיפֿטיקע און בייזע פֿליגן
פֿליען אין אַ ווילד געמיש.
וואו עס טוט דער פּוס אַ שטעל זיך,
וואו עס טוט די האַנט אַ וויש.

### 5. עפּידעמיע

ניט געבליבן איז קיין מילך
פֿאַר די קינדער אין די וויגן.
טויטע ליגן אויף די פֿעלדער,
טויטע קי און ציגן.

### 6. אַ מיאוסע זאַך

אויף די קעפּ אַ זאַך אַזאַ,
אַ זאַך וואָס איז ניט שיין.
עס האָבן זיך געשעמט די לײַט
אין פּרעהס פּאַלאַץ גיין.

### 7. האָגל

אין אַ פֿײַער שטייעןביימער
ביזן וואָרצל אין דער ערד.
און דער האָגל גיסט מיט וואַסער,
און דאָס פֿײַער שטאַרקער ווערט.

### 8. פֿינצטערניש

אויפֿגעהויבן האָט דעם שטעקן
משה מיט אַ צאָרן.
און עס איז אין מיטן טאָג
אַ פֿינצטערניש געוואָרן.

### 9. היישעריק

שוואַרצע, ברוינע, רויטע פֿליגן,
פּיס און פּיסלעך דין און לאַנג.
פֿליקן אָפּ דאָס לעצטע ביימל,
פֿרעסן אויף דעם לעצטן זאַנג.

### 10. די לעצטע מכּה

מיט אומגליק זײַנען שטוב און גאַס,
מיט אומגליק און געוויין.
פּרעה האָט אין מיטן נאַכט
געלאָזט די ייִדן גיין.

# פרײַ

ווער עס טראָגט אַ זאַק, אַ פּולן,
ווער עס האָט אַ שטעקן בלויז.
מיט דעם וועג וואָס פירט קיין סוכות
גייען אַלע: קליין און גרויס.

איבער שוואַרצע פּוסטע פעלדער
הענגען הימלען פריש און נײַ.
און די רוקנס ווערן גלײַכער,
און די אויגן קוקן פרײַ.

ווײַטער, ווײַטער ווערט מצרים.
פון דערווײַטן ברענגט דער ווינט
דאָס געשריי פון בייזע מענטשן,
און דאָס בילן פון די הינט.

# V

# טרויעריקע זאַכן

# מאַכליע גלאָז

איך קען זי ניט פֿאַרגעסן,
די קליינע מאַכליע גלאָז.
אין קלאַס איז זי געזעסן
מיט בעקלעך פֿריש און ראָז.

אַ פֿריילעכע, אַ שיינע,
געלערנט זיך מיט גלי.
ניטאָ אַצינד איז קיינער
וואָס זאָל דערמאָנען זי.

איך בין געווען איר לערער
דעם לעצטן זומער דאַן,
פֿון דעמאָלט איז זי מערער
אין שול שוין ניט געגאַן.

געווען איז האַרבסט אין געלן,
און ווײַסע ווינטער-נעכט.
און נאַצים אין שינעלן,
און נאַצים זײַנען שלעכט.

ווען פֿרילינג איז געקומען
האָט זי אַ קלאַס געמאַכט.
אין קלאַס געווען פֿאַרנומען
זיי זײַנען זאַלבע אַכט:

זי, און אירע שוועסטער,
דעם שכנס ייִנגלעך צוויי.
אין געהיימעניש דער גרעסטער
געלערנט האָט זי זיי:

רעדן ייִדיש ריכטיק,
שרײַבן ייִדיש שיין.
די ייִדישע געשיכטע
געלערנט צו פֿאַרשטיין.

ביז איין מאָל אָנגעקומען
אַ נאַצי איז געשווינד.
די לערערין פֿאַרנומען,
פֿאַרנומען קינד נאָך קינד.

אין וואַלד, ניט ווײַט פֿון שטעטל,
וואו פֿייגל זינגען שיין,
ליגט מאַכליע אָן אַ ברעטל,
רוט מאַכליע אָן אַ שטיין.

# באַלאַדע פֿון צוויי קינדער

ער האָט געהייסן מאירקע, אסתּר־רייזל זי.
צוויי שיינע קינדער, איינציקע בײַ טאַטע־מאַמעשי.
ער איז געוועזן זיבן אַלט, זי געווען איז צען.
עס איז זיי ביידן אויף דער וועלט גוט און וואויל געווען.
דער זומער האָט געגעבן גאָלד, דער ווינטער — ריינעם שניי.
די מאַמע האָט מיט גוטע הענט געגעבן עסן זיי.
זיי וואָלטן איצט שוין גרויסע זײַן און קינדער אויך געהאַט.
איז אָנגעקומען מיטן וועג אַ נאַצישער האַרמאַט.
די טעג זײַנען געוואָרן ווילד, די נעכט האָבן געברענט.
טאַטע־מאַמע האָבן זיי געהאַלטן בײַ די הענט.
דערנאָך איז מען אין מאַרק אַרויס מיט פּעקלעך אין דער האַנט.
מיט קינדער פֿון דער גאַנצער שטאָט, באַקאַנט און ניט באַקאַנט.
עס האָט אַ פּויק פּאַר זיי געפּויקט, אַ פֿידל האָט געלאַכט,
זיי האָבן מיט די הוילע פֿיס צום ריטעם נאָכגעמאַכט.
ס'איז מאירקע געגאַנגען נאָך דער שוועסטער שטיל און שיין.
געגאַן איז אסתּר־רייזל ווי אַ טײַער קינד דאַרף גיין.
זיי האָבן אַלע שיין מאַרשירט ביז צו דעם גרויסן טאָל,
וואו פֿרײַ און פֿריילעך האָבן זיי שפּאַצירט אַזוי פֿיל מאָל.
וואו געלע בלומען בליִען, און הויכער דינער גראָז,
וואו צווישן אַלטע שטיינער וואוינט אַ יונגער האָז.
נאָך איצטער בליִען דאָרטן געלע בלומען, ווײ!
ניט פֿאַרדעקטע ליגן דאָרט די ביינדעלעך פֿון זיי.

# אינהאַלט:

זייט


אַ פּאָר ווערטער פון זלמן יעפּרויקין — 3

I טעג פון יום־טוב

דאָס נײַע יאָר — 7
לשנה טובֿה — 8
יום־כּיפּור — 9
ווי אַזוי מע מאַכט אַ לשנה־טובֿה — 10
אַ סוכּהלע — 10
די סוכּה — 11
ווי נאָר אין דרויסן טוט אַ פּריר — 12
לאַטקעס — 12
ליכטלעך — 13
אַ דריידל — 14
נעם אין האַנט דאָס קליינע דריידל — 15
עס איז חנוכּה אַ פרייד — 16
אַנטיוכוס און דאָס ייִנגל — 19
חנוכּה אין קליינעם שטעטל — 19
אין דעם לאַנד פון חומש — 20
אַ וואונטש די ביימער אין ארץ־ישׂראל — 21
דאָרט אין לאַנד — 22
אַ גרוס אויף פּורים — 23
פרייד פון לייענען די מגילה — 24
לידער פון דער מגילה — 25
לכּבֿוד פּורים — 27
פּורים אין שול — 29
פּסח ליבער — 30
אין דער פריילעכער הגדה — 30
צום סדר איז דער טיש געגרייט — 31
אליהו — 31
אַלע פיר — 32
דאָס ציגעלע — 32
לידער פון „רות" — 33
געזעצן פון דער תּורה — 35
שבת — 38

II אַ גאַנצע וואָך

צום נײַעם לערניאָר — 41
אין קלאַס — 42

זייט


דאָס ביכל — — — — — — — — — — — — — — 43
מײַן ייִדישע שול — — — — — — — — — — — — 43
דער אַלף־בית רעדט — — — — — — — — — — 44
ייִדישע קינדער — — — — — — — — — — — — — 46
מײַן משפּחה — — — — — — — — — — — — — 50
פֿון דער גאַנצער וועלט — — — — — — — — — 50
ווען מײַן מיידעלע איז קראַנק — — — — — — — — 51
דאָס קינד איז קראַנק — — — — — — — — — — 52
מײַן ייִנגעלע ציילט — — — — — — — — — — 52
פֿאַרוואָס ? — — — — — — — — — — — — — 53
אין דזשאַמײַקע — — — — — — — — — — — — 53
טעלעוויזיע — — — — — — — — — — — — — 54
שפּײַז — — — — — — — — — — — — — — 55
אין דער היים — — — — — — — — — — — — — 56
אַ גוטע נאַכט — — — — — — — — — — — — 58
האַרבסט — — — — — — — — — — — — — — 59
דער שניי־מענטש — — — — — — — — — — — 59
פֿרילינג — — — — — — — — — — — — — — 60
זומער־לעב — — — — — — — — — — — — — 61
אײַנרעדעניש — — — — — — — — — — — — — 67


## III לידער פֿון דער גרויסער שטאָט


Broadway — — — — — — — — — — — — — — 71
South Ferry — — — — — — — — — — — — — 71
George Washington Bridge — — — — — — — — — — 72
אַ שענער הויז — — — — — — — — — — — — — 72
בײַנאַכט — — — — — — — — — — — — — — 73
טויבן אויף בראָדוויי — — — — — — — — — — — 74
די לבֿנה — — — — — — — — — — — — — — 74
דאָס גאָלדענע קאַטשקעלע — — — — — — — — — 75
וואָלקנס — — — — — — — — — — — — — — 76
אין זו — — — — — — — — — — — — — — 78
אַרבעטער — — — — — — — — — — — — — — 82
אַ תּפֿילה פֿאַר דער גרויסער שטאָט — — — — — — — 85

מאָטל פּייסי דעם חזנס — — — — — — — — — — 87


## IV לידער פֿון חומש


לידער פֿון חומש — — — — — — — — — — — — 91


## V טרויעריקע זאַכן


מאַכליע גלאָז — — — — — — — — — — — — 115
באַלאַדע פֿון צווײ קינדער — — — — — — — — — 117

דער מחבר דריקט אויס זײַן האַרציקן דאַנק דעם בילדונגס-קאָמיטעט פֿון אַרבעטער-רינג, פֿרײַנד זלמן יעפֿרויקין, בנימין טאַבאַ-טשינסקי און י. שאַצקין. אָן זייער חבֿרישער מיטהילף וואָלט דאָס בוך ניט געקענט דערשײַנען.